

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

בשלח תשפ"ג • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 297

## אמרות שמשון

### פארוואס שטייט אין פסוק אשר נתן ה' מיט א לשון עבר? • די טייג וואס אידן האבן ארויסגענומען פון מצרים האט געהאט א טעם פון מן.

**וַיִּרְאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו מָן הוּא כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה** (טז, טו): יש לדקדק, פארוואס שטייט אין פסוק **אשר נתן ה'** מיט א לשון עבר, עס וואלט געדארפט שטיין - הוא הלחם אשר **נותן** ה' לכם לאכלה.

**מ'קען** מסביר זיין לויט ווי עס ווערט געברענגט אין רש"י (טז, לה) פון חז"ל (קידושין לח.), **מגיד שהעוגות שהוציאו ממצרים טעמו בהם טעם מן** - די טייג וואס אידן האבן ארויסגענומען פון מצרים האט געהאט א טעם פון מן.

**לויט** דעם קען מען מסביר זיין, משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל - **הוא הלחם אשר "נתן" ה' לכם לאכלה** - מיט א לשון עבר, אז דער טעם פון מן האבן ענק שוין געשפירט ביי די ברויט וואס ענק האבן ארויסגענומען פון מצרים. (זרע שמשון פרשתנו אות י"ט)

### אויב איז נישטא קיין מחלות פארוואס דארף מען א דאקטער? • דער וואס שעדיגט קען נישט היילן • דער אויבערשטער שטראפט כדי צו היילן פון זינד

**וַיֹּאמֶר אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע לְקוֹל ה' אֱלֹהֶיךָ וְהַיָּשָׁר בְּעֵינָיו תַּעֲשֶׂה וְהַאֲזַנְתָּ לְמִצְוֹתָיו וְשָׁמַרְתָּ כָּל חֻקָּיו כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ** (טז, כו): עס איז באקאנט די קשיא וואס די וועלט פרעגט אויפן פסוק, אויב דער אויבערשטער זאגט צו עס וועט נישט קומען קיין מחלות און קרענק אויף כלל ישראל, אויב אזוי פארוואס ענדיגט צו דער פסוק: **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, אויב איז נישטא קיין מחלות, פארוואס דארף מען א דאקטער?

**עס** ווערט גע'פסק'ענט אין שלחן ערוך (חו"מ סי' ת"כ סעיף כ"א), **אמר המזיק אני ארפא אותך וכו' אין שומעין לו אלא מביא רופא אומן ומרפאו בשכר**. אויב איינער שעדיגט א צווייטן, ווערט ער מחויב אים אויסצוהיילן. אבער ער קען נישט זאגן 'איך וועל דיר אויסהיילן', נאר ער מוז ברענגען א גוטע דאקטער און באצאלן פאר דעם. (די גמרא אין ב"ק פ"ה ע"א ערקלערט דער טעם, וויבאלד דער ניזק זאגט פארן מזיק, דו ביזט גלייך ווי א פארצוקנדע לייב וואס שעדיגט, און איך וויל זיך נישט לאזן היילן ביי דיר).

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, דער אויבערשטער איז דאך דער 'רופא' פון כלל ישראל, און אויב ח"ו דער אויבערשטער וועט שעדיגן כלל ישראל, (דורך באשטראפן מיט מחלות און קרענק), וועט ער נישט קענען אויסהיילן ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שו"ע אז דער מזיק קען נישט אויסהיילן דער ניזק.



לומדים זרע שמשון וזוכים לישועה.



לפרטים ולתרומות:
ארה"ב 347-496-5657
א"י 02-80-80-500

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

**לויט** דעם קומט אויס, דער אויבערשטער קען נישט שעדיגן כלל ישראל מיט מחלות און קרענק, וויבאלד ער קען זיי נישט היילן. מיט דעם פארשטייט מען פשט אין פסוק, **כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ** - עס וועט נישט קומען קיין מחלות אויף כלל ישראל. דער טעם דערפון איז - **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, וויבאלד דער אויבערשטער איז דער רופא פון כלל ישראל, און עס ווערט גע'פסק'ענט, אז דער מזיק קען נישט אויסהיילן דער ניזק.

◆ ◆ ◆

**נאך** א תירוץ קען מען ענטפערן, די מכות וועלכע דער אויבערשטער האט באשטראפט די מצרים איז געקומען אלץ עונש און נקמה אויף דעם וואס זיי האבן געפייניגט די אידן אין מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמ"ט ז), **לַעֲשׂוֹת נְקָמָה בַּגּוֹיִם**.

**דעריבער** זאגט דער פסוק, **כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ**, אויב עס וועט חלילה קומען יסורים אויף כלל ישראל, וועט עס נישט זיין צוליב די זעלבע סיבה פארוואס עס איז געקומען אויף די מצרים (אלץ עונש און נקמה). נאר עס וועט קומען צו אויסהיילן כלל ישראל, אז די יסורים זאל זיי דערמאנען צו תשובה טון מען זאל מער נישט זינדיגן.

**דאס** פירט אויס דער פסוק - **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, דער אויבערשטער איז דער דאקטער פון כלל ישראל, זיי צו רייניגן און אויסהיילן פון זייער זינד, און ווען עס קומט יסורים, וועט עס קומען בדרך רפואה, נישט אלץ עונש. (פרשתינו אות י"ד)

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה והצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון העולמי'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה והצלחה
שאול בן רחל
שיזכה לשפע פרנסה ועשירות מתוך אושר ומנוחה
ויזכל להמשיך פעולותיו למען ריבוי הלומדים

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הרה"ג ר' **אברהם מרדכי זילבערבערג** שליט"א,
מגי"ש בספר זרע שמשון בעיה"ק ירושלים:

# א ספר - א ישועה

**"איר** זענט פון 'מכון זרע שמשון'?" הער איך א אומבאקאנטע שטומע אין גאס.

**עס** איז געווען א רעגענדיגע דאנערשטאג נאכט, נאכן ענדיגן די וועכענטליכע שיעור אין ספה"ק זרע שמשון, אויפן וועג אהיים, שטעלט מיר אפ א אומבאקאנטע איד, און פרעגט מיר צו איך בין פון 'מכון זרע שמשון'.

**ווען** ער האט געהערט מיין ענטפער, האט ער מיר אנגעפאנגן צו באדאנקן, און אנוואונטשן מיט אלע סארטן ברכות. און זאגט מיר, אז ער מוז מיר פארציילן זיין געשיכטע ווי אזוי ער איז געהאלפן געווארן בזכות דער הייליגער זרע שמשון:

**עס** איז געווען כמעט צען יאר נאך מיין חתונה, און איך בין נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן מיט זרע של קיימא, מען האט פראבירט פארשידענע עצות און סגולות, אבער אונז זענען נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן.

**מיט** עטליכע יאר צוריק, איז צוגעקומען צו מיר א גוטע חבר וועלכע האט אויך געווארט עטליכע יאר פאר קינדער, און האט מיר פארציילט איבער א ספעציעלע 'חמשה עשר בשבט סעודה' וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די ארגאניזאציע 'מפתח של בנים' פאר פארפעלקער וואס ווארטן צו געהאלפן ווערן מיט קינדער.

**די** סעודה קומט פאר אינעם מסוגל'דיגע טאג 'ט"ו בשבט' וואס איז ראש השנה לפירות האילן, און עס איז א ספעציעלע אוונט פון חיזוק פאר די אלע וואס ווארטן געהאלפן צו ווערן מיט ישועות בזרע של קיימא, און עס געבט כח צו ממשיך זיין מיט אמונה און האפענונג ביז מען איז זוכה צו זען די ישועה.

**טראץ** וואס איך האב נישט געהאט צופיל חשק זיך צו משתתף זיין ביי די סעודה, האט ער מיר שטארק צוגעשטופט, און איך האב אנגענומען זיינע ווערטער, און זיך איינגעשריבן אטייל צונעמען ביי די סעודה.

**זייענדיג** דארט ביי די סעודה בין איך ווירקליך נישט אנטוישט געווארן, עס איז געווען זייער א רייכע אוונט, פול מיט דרשות פון חיזוק און עידוד, אויף גאר א הויכן סטאנדארט, און צום ענדע פונעם סעודה האט מען פארטיילט פאר אלע משתתפים דער ספר 'זרע שמשון על מגילת אסתר'.

**נישט** האבנדיג פארדעם געהערט איבער דעם ספר, האב איך געבלעטערט אינעם ספר און געזען די מורא'דיגע בקשה און זעלטענע הבטחה פונעם מחבר זי"ע. איך האב גלייך אנגעהויבן צו לערנען אין דעם ספר, און ביז פורים האב איך געענדיגט אלע מאמרים און דרשות אויף מגילת אסתר.

**איך** בין געווארן זייער צוגעבינדן צו דער ספר, איך האב געשפירט א באזונדערע קשר צו די מורא'דיגע ווערטער פונעם מחבר. די קלארע צוזאג פונעם מחבר זי"ע, האבן אנגערירט די סטרונעס פון הארץ, שפירנדיג ווי דער הייליגער זרע שמשון מיינט מיר פערזענליך מיט די הבטחה וואס ער האט צוגעזאגט.

**נאך** פורים האב איך געקויפט די צוויי בענדער 'זרע שמשון', און אנגעהויבן צו לערנען דערין יעדע וואך בקביעות.

**ברוך** ה', א יאר שפעטער האב איך זוכה געווען צו אויפגעראכטן ווערן, עס איז מיר געבוירן געווארן א בן זכר למזל טוב!

**דאס** איז מיין מעשה וואס איך האב דיר געמוזט פארציילן - פארענדיגט דער איד זיינע ווערטער - אשריכם ואשרי חלקכם פון ענק וואס האבן א חלק און פארשפרייטן דער הייליגע ספר זרע שמשון, און זיין די גוטע שלוחים וואס ברענגן און זענען משפיע השפעות און ישועות פאר כלל ישראל. זייט ממשיך מיט אייער עבודת הקודש, און דערמיט וועט איר מזכה זיין נאך אידן, צו לערנען און האבן א חלק און די געוואלדיגע הבטחה פונעם מחבר זי"ע, און אזוי זוכה זיין צו ישועות אין אלע ענינים. זי"ע.

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה
בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוד המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120


וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו